בס"ד
בְּמִדְבַּר - שָׁבוּעוֹת תשפ"ה
גליון 239

# דעם רבינ'ס ליכט



אַײַערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רייִנער קוואל

### תּוֹרָה אִין חוּץ לָאָרֶץ

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן טָאג יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ הַקָ', דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּנְזֶער חִיוּת, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג אִין בִּרְכַּת אַהֲבַת עוֹלָם "וְנִשְׂמַח בְּדִבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתֶיךָ וּבְמִצְוֹתֶיךָ לְעוֹלָם וָעֶד, כִּי הֵם חַיֵּינוּ.."

קִינְדֶער, וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְז הַיינְט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה וָואסְפַּארַא פְּלַאץ וָואלְט גֶעוֶוען אַ פַּאסִיגֶע אוּן אַ רִיכְטִיגֶע מָקוֹם דֶערְפַאר? לִכְאוֹרָה אִין עֶפֶּעס גָאר אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל א.ד.ג. אִיז פַארְוָואס טַאקֶע הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה אִין חוּץ לָאָרֶץ אִין אַ פּוּסְטֶער לֵיידִיגֶער פְּלַאץ פוּל מִיט קְלִפּוֹת אוּן מַזִיקִים וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט: "מָקוֹם נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב".

דֶער תֵּירוּץ עֶנְטְפֶערְט אוּנְז ר' נָתָן אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (גביות חוב ג') אוּן דָאס אִיז אַ עֶנְטְפֶער פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד. פַאר אַ אִיד ווִיל זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, יֶעדֶער לוֹיט זַיין דַרְגָה, לְמָשָׁל, וֶוען אַ אִינְגְל גֵייט אַרוֹיף אַ נַייעֶ כִּתָּה, אָדֶער אַ בָּחוּר נֶעמְט זִיך צוּם לֶערְנֶען, אֵיינֶער שְׁטַארְקְט זִיך מִיט אֱמוּנָה, אָדֶער עֶר נֶעמְט זִיך פָאר צוּ שְׁטַארְקְן מִיט גוּטֶע מִדּוֹת א.ד.ג. דֶעמָאלְטְס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ מִדְבָּר - סְפֵיקוֹת מִיט בִּלְבּוּלִים, אַלֶע סָארְטְן מְנִיעוֹת אוּן תַּאֲווֹת מִיט טִרְדוֹת א.א.וו.

אָבֶּער וֶוען דֶער אִיד הַאלְט זִיך פֶעסְט אָן יֵאוּשׁ אוּן לוֹיפְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי קְדוּשָּׁה, אִיז עֶר דֶעמָאלְטְס זוֹכֶה צוּ אַרוֹיפְגֵיין אַ דַרְגָה וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", עֶר גֵייט טַאקֶע אַרִיבֶּער נִסְיוֹנוֹת אַזוֹי וִוי אִין אַ מִדְבָּר עֶס אִיז פּוּסְט טְרוּקְן אָן קֵיין שָׁאטְן, קֵיין טְרָאפְּל וַואסֶער גֶעפִינְט מֶען נִישְׁט דָארְט, אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּאקוּמְט עֶר אַ נַייעֶ תּוֹרָה.

ווִיאַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע אִין אַזֶעלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן שְׁטֵיין אַזוֹי פֶעסְט קֶעגְן דֶעם אָפֶּענֶעם מוֹיל פוּנֶעם סַ"ם? נָאר מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט דִי ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה פוּן זוֹכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף זִיךְ מְחַיֶּה זַיין אוּן לוּסְטִיג זַיין אַז מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעוֶועלְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין דֶער בַּאלִיבְּטֶער בֵּן יָחִיד פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן! אִיךְ בִּין אַ בֶּן מֶלֶךְ, אַ קְלֵיינִיגְקֵייט?

דֶערְפַאר פִּירְט מֶען זִיךְ טַאקֶע בַּיי אוּנְז צוּ טַאנְצְן שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט צְווִישְׁן אֵיין תִּיקּוּן אוּן צְווֵייטְן, אַזוֹי וִוי הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַצַ"ל פַארְצֵיילְט אַז אִין אוּמַאן פְלֶעגְט אַ חֵלֶק עוֹלָם זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן אוּן דֶער אַנְדֶערֶער עוֹלָם אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַ טֶענְצְל, דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זִיךְ גֶעבִּיטְן!

אַוַודַאי נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אִין דֶעם טָאג וֶוען עֶס פַאלְט אוֹיס דִי יָארְצַייט פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ דֶער נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל. דֶער תְּהִלִּים אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע הִתְבּוֹדְדוּת וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן נִצָל וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע שׂוֹנְאִים - דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט

זַיינֶע חֲילוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַז סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד בִּפְרָט, יֶעדֶער מִיט זַיינֶע פְּרִיוָואטֶע מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, 'הַכֹּל' - אַלֶעס אִיז מְבֹאָר אוּן מְפֹרָשׁ אִין תְּהִלִּים.

דֶער עִיקָר יְסוֹד פוּן אַלֶע עֵצוֹת וְויאַזוֹי זִיךְ מְקָרֵב צוּ זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז נָאר דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן אַנְדֶערֶע בַּקָשׁוֹת אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַאַרְץ אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה, אַז מֶען וֶועט שְׁטֶענְדִיג זַיין שְׁטַארְק אוּן פֶעסְט זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל מִיר שֶׁענְקֶען זַיין גֶענַאד, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין וֶועט מֶען זִיכֶער גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה, אַשְׁרֵי לוֹ! עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אַסַאךְ גוּטֶע עֵצוֹת אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים וְויאַזוֹי נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער רוֹב מָאל זֶענֶען דִי עֵצוֹת אַלֵיין זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיין, דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָר דִי תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת צוּ רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואסֶערֶע דִּבּוּר עֶס קוּמְט נָאר אַרוֹיס, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר וַוייט וֶועל אִיךְ וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אִים, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער בַּאשֶׁעפֶער זִיכֶער עֶנְטְפֶערְן אוּן מִיר בְּרֶענְגֶען צוּם אֱמֶת בְּלִי סָפֵק,

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּן דָאסְנֵיי, מִיט אַ חֵשֶׁק אוּן פְרִישְׁקֵייט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי שִׁעוּרִים אוּן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה מִיט דִי עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אַזוֹי אוֹיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט זָאגְן תְּהִלִּים אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָּה הַשְּׁלֵמָה בב"א.

המשך פון זייט 3

נִישְׁט אוֹיפְן סֵדֶר, וֶוען עֶר וֶועט הָאבְּן צַייט זָאל עֶר לֶערְנֶען וַוייטֶער אוֹיפְן סֵדֶר וִוי מְ'הַאלְט.

שִׂיחָה ס"ב: אוֹיבּ דִי מַחֲשָׁבָה אִיז זִיךְ מְצַמְצֵם צוּ טְרַאכְטְן פוּן אֵיין זַאךְ הָאט עֶס אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ צוּ פּוֹעֶל'ן עֶס זָאל טַאקֶע אַזוֹי גֶעשֶׁען - אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר אִין מֹחַ וִויפִיל עֶר וִויל אָנְיָאגְן אוּן עֶר וֶועט גְלוֹיבְּן צוּ דֶעם אוּן אַסַאךְ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, וֶועט עֶר טַאקֶע זוֹכֶה זַיין עֶס זָאל זַיין אַזוֹי!

שִׂיחָה ע"ו: דִי הֵיילִיגֶע שִׂיחָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע יְסוֹד אִין דֶּרֶךְ הַלִּמּוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וְויאַזוֹי אַ אִיד קֶען לֶערְנֶען מִיט אַ חֵשֶׁק אוּן זְרִיזוּת אוּן נִישְׁט וֶוערְן מְבַלְבֵּל בְּשַׁעַת'ן לֶערְנֶען פוּן אֵיין עִנְיָן צוּם צְוֵוייטְן, נָאר בִּפְשִׁיטוּת זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן פְּלַאץ אוּן אוֹיבּ מַאכְט זִיךְ צוּמָאל אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין צוּ לַאנְג נָאר לֶערְנֶען וַוייטֶער, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועט עֶס קְלָאר וֶוערְן שְׁפֶּעטֶער אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט וַוייטֶער בִּזְרִיזוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי דִּבּוּרֵי הַתּוֹרָה כְּסֵדֶר אוּן מֶען וֶועט מִמֵּילָא פַארְשְׁטֵיין. דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט צוּ מְבַלְבֵּל זַיין דֶעם מֹחַ בַּיים אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען צוּ וֶועלְן תֵּיכֶף פַארְשְׁטֵיין וָואס דָאס אִיז גּוֹרֵם אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן מְ'פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף נָאר אַרֵיינְלֵייגְן דִי מֹחַ אִינֶעם לֶערְנֶען אוּן וַוייטֶער גֵיין בִּזְרִיזוּת אַזוֹי וֶועט מֶען מִמֵּילָא פַארְשְׁטֵיין!

אַזוֹי קֶען יֶעדֶער אִיד אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען גוּט דִי שִׂיחָה אוּן זֶען וְויאַזוֹי אִיךְ קֶען פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ אָנְהֵייבְּן בַּאנֵייעֶן מִיט חֵשֶׁק אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.



לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב
שָׁבוּעוֹת לָאמִיר כַאפְּן אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל שְׁפַּאצִיר
אִין דִי הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע שִׂיחוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן זֶען וָואס
דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוּן אִיז אוּנְז מְחַנֵךְ צוּ עוֹסֵק זַיין אִין דִי
הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דִי אוֹפָן וִוי אַזוֹי אוּן וָואס צוּ לֶערְנֶען.

שִׂיחָה י"ז: דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען? וָואס וֶועסְטוּ דֶערְלֵייגְן? דוּ וֶועסְט דָאךְ בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא פַארְן לֶערְנֶען! דָאס דַארְף מֶען דָאךְ נִישְׁט זָאגְן אַז אוֹיב דִי תּוֹרָה וַוייזְט אַרוֹיס אִיר אַהֲבָה פַאר אֵיינֶעם דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט - אֲפִילוּ נִישְׁט עוֹלָם הַבָּא נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיין!

שִׂיחָה י"ט: דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין דִי וֶועלְט צוּ עֲשִׂיָה, דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ מַאכְן אַ חִיוּב צוּ לֶערְנֶען כָּךְ וְכָךְ יֶעדְן טָאג. אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן נֶעבֶּעךְ פַארְזִינְקֶען אִין זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת אוֹיב זֵיי וֶועלְן זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ חִיוּב צוּ לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטְ'ס דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז מוֹרָא'דִיג גְרוֹיס.

שִׂיחָה כ"ו: דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְחַזֵק גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ מְ'שְׁפִּירְט אַז מֶען פַארְגֶעסְט וָואס מְ'לֶערְנְט. וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט אוֹיף יֶעדְן טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט אֲפִילוּ מְ'פַארְגֶעסְט. לֶעָתִיד וֶועט מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אוֹיךְ דִי תּוֹרָה וָואס מְ'הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם צַדִיק אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דָא, וֶועט מֶען אִין עוֹלָם הַבָּא זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין! ווּאוֹיל פַאר דֶער וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה!

שִׂיחָה כ"ג: סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע קוּמֶען אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אָן קַיין שׁוּם לְבוּשׁ, אַ בֶּגֶד פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹות, וַוייל נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה וּמִצְוֹות הָאט מֶען קְלֵיידוּנְג אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן אָנְגֶערוּפְן: "ווּאוֹיל פַאר דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן טְרִינְקֶען אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן זִיךְ אָנְטוּן מִיט אַפָּאר מִצְוֹות!

שִׂיחָה כ"ח: סְ'אִיז רָאוּי אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִילַאנְג עֶר לֶעבְּט זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, כְּדֵי עֶר זָאל אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט קֶענֶען זָאגְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶועְן אִין דִי אַלֶע פְּלֶעצֶער אִין דִי אַלֶע סְפָרִים

שִׂיחָה כ"ט: דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מֶען זָאל לֶערְנֶען "פּוֹסְקִים" צוּ לֶערְנֶען אַלֶע פִיר חֲלָקִים פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיפְן סֵדֶר, אוֹיב מֶען קֶען אִיז בֶּעסֶער מִיט דִי מְפָרְשִׁים אוֹיב נִישְׁט זָאל מֶען לְכָל הַפָּחוּת לֶערְנֶען מִיט בְּאֵר הֵיטֵב.

המשך אויף זייט 2

אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זָאל מֶען לְכָל הַפָּחוּת לֶערְנֶען אֵיין סְעִיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֲפִילוּ




יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, איז אויך אַ גְרויסֶע יוֹמָא דְהִילוּלָא בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, די יָארְצַייט פונֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוב זְצוּקַ"ל אוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים. דער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוב איז גֶעוֶוען דער גְרינְדֶער פון חֲסִידוּת, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ נַייֶע לִיכְטִיגְקֵייט ווי אַזוֹי צוּ דִינֶען דעם הֵייליגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט שִׂמְחָה, אַז נִישְׁט נָאר די גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים זָאלְן קֶענֶען דינֶען דעם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר אֲפִילוּ הַפָּשׁוּט שֶׁבַּפְּשׁוּטִים, די דָארְפִישֶׁע פְּשׁוּטֶ'ע אִידְן זָאלְן אויךְ הָאבְּן אַ וֶועג ווי אַזוֹי צוּ דִינֶען דעם אויבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט גֶעוויזְן פַאר אַלֶעמֶען, ווי אַזוֹי עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אַז דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן איד און הִיט אויף אִים בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית. אַסַאךְ אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוב אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אין כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אין בַּאשֶׁעפֶער און אין צַדִּיקִים, און פַאר די גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הָאט עֶר גֶעוויזְן אַ נַייֶע וֶועג אין עֲבוֹדַת ה', אין אֱמוּנָה, אין תְּפִלָּה, וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַ רַעַשׁ אין די גַאנְצֶע וֶועלְט.

עֶס איז בַּאוואוּסְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוב הָאט גֶעצוֹיגְן זַיין יִחוּס בִּיז דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עֶס איז טַאקֶע אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ אַז אויךְ דָּוִד הַמֶּלֶךְ איז נִפְטַר גֶעוָוארְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, יָארְן איז איז דער יִחוּס נִישְׁט גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט. ווען דֶער בַּעַל שֵׁם טוב הָאט אויסְגֶעפִירְט דֶעם שִׁידוּךְ פון זַיין תַּלְמִיד ר' נַחְמָן הָארָדַאנְקֶער זַצ"ל הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם גֶעפְרֶעגְט וָואס וֶועט איר מִיר גֶעבְּן פַאר שַׁדְכָנוּת גֶעלְט? ר' נַחְמָן הָארָדַאנְקֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט אויב בַּיי מִיר וֶועט זַיין אַ טָאכְטֶער און בַּיי דִיר אַ זוּהְן וֶועלְן מִיר אַ שִׁידוּךְ טוּן, אָבֶער ר' נַחְמָן הָארָדַאנְקֶער הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערוֹיף, עֶר הָאט גֶעטַעֲנֶה'ט פַארְן בַּעַל שֵׁם אַז עֶר איז מְיוּחָס בִּיז צוּ דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם און אַ שִׁידוּךְ וויל עֶר מַאכְן אויךְ מִיט אַ מְיוּחָס, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם הָאט דַאן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיין מְגִלַּת הַיּוּחֲסִין, און הָאט גֶעוויזְן פַאר ר' נַחְמָן הָארָדַאנְקֶער אַז עֶר איז מְיוּחָס בִּיז צוּ ר' גַּמְלִיאֵל הַזָּקֵן וָואס איז בַּאוואוּסְט אַז עֶר איז מְיוּחָס בִּיז דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, דַאן הָאט ר' נַחְמָן מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם שִׁידוּךְ, אַזוֹי אויךְ איז נִתְגַּלָּה גֶעוָוארְן דֶעם יִחוּס פון דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב.

ר' נַחְמָן הָארָדַאנְקֶער הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן וָואס הָאט גֶעהֵייסְן שִׂמְחָה, שִׂמְחָה איז גֶעוֶוען אַ יָתוֹם, זַיין מַאמֶע איז נִפְטַר גֶעוָוארְן וֶוען עֶר איז אַלְט גֶעוֶוען אַ חֹדֶשׁ, עֶר הָאט זִיךְ אַלֶע יָארְן גֶעהָאדֶעוֶועט אין די שְׁטוּבּ פון בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדֶל אַז דָאס איז אַ וואוּיל קִינְד, אָדֶל הָאט פַארְשְׁטַאנֶען די טִיפֶערֶע כַּוָּונָה אין דֶעם דִבּוּר פון איר טַאטֶע, און וֶוען איר טָאכְטֶער פֵּיְגָא איז גְרוֹיס גֶעוָוארְן הָאט זִי גֶענוּמֶען דֶעם וואוּילְ'ן שִׂמְחָה פַאר אַ חָתָן, דֶער יוּנְגֶער פָּארְפָּאלְק הָאט בַּאקוּמֶען די דִירָה פון בַּעַל שֵׁם טוב אַלְץ נַדְן, און הָאבְּן דָארְט גֶעוואוֹינְט, דָאס זֶענֶען די עֶלְטֶערְן פון דֶעם הֵיילִיגְן רַבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵּיְגָא זְצוּקַ"ל, חוּץ פון די גְרוֹיסְקֵייט פון אִים אַלֵיין מִצַּד עַצְמוֹ, איז עֶר אויךְ גֶעוֶוען מְיוּחָס פון בֵּיידֶע זַייטְן צוּם נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל, דָּוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל חַי וְקַיָּם.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוב הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט תַּלְמִידִים צַדִּיקִים, גְדוֹלֵי עוֹלָם, ווי דֶער "תּוֹלְדוֹת" דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁ'ער מַגִּיד, און ר' אַהֲרֹן הַגָּדוֹל מְקַארְלִין, ר' נַחְמָן הָארָדַאנְקֶער, און נָאךְ פִיל גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע

צַדִּיקִים, וָואס הָאבְּן אוֹיפְגֶעלוֹיכְטְן דִי וֶועלְט, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אִין דִי וֶועלְט אַסַאךְ גְעוואלְדִיגֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם, וָואס מֶען זָאגְט אִיבֶּער פוּן צַדִּיקִים אַז נָאר צוּ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גְרוֹיסֶע סְגוּלָה, אוּן אִיז מַמְשִׁיךְ גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת, בַּיי אַסַאךְ אִידְן הָאט מֶען זִיךְ גֶעפִירְט צוּ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן בַּעַל שֵׁם בַּיי סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

## דִי לִיכְט פוּן חֵלֶב

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַמָאל גֶעשְׁטַאנֶען גְרֵייט צוּ דַאוֶוענֶען, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן, סְ'אִיז אִים גֶעפַאלְן אִין גֶעדַאנְק אַ בִּלְבּוּל וָואס הָאט אִים צוּטוּמְלְט דָאס דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר רֵייכֶערְט אַ לוּלְקֶע (אַלְטֶע סָארְט סִיגַאר) בַּיי דִי חֵלֶב לִיכְט, אִיז עֶר אֶפְשָׁר נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט אַ אִיסוּר חֵלֶב, (בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גָארְנִישְׁט קַיין שׁוּם אִיסוּר, נָאר דֶער בַּעַל דָּבָר הָאט אִים גֶעוָואלְט פַּארְמִישְׁן זַיין הֵיילִיגֶע תְּפִלָּה) וִויפִיל דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעוָואלְט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי מַחֲשָׁבָה פוּן זִיךְ אוּן אָנְהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען, אִיז אִים עֶס נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן צוּמִישְׁט אֶפְשָׁר אִיז עֶר עוֹבֵר אַ גְרוֹיסֶע אִיסוּר פוּן דִי תּוֹרָה,?!

אַזוֹי אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁטַאנֶען אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל צוּם בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים גֶעקוּמֶען דִי מַחֲשָׁבָה אוּן צוּטוּמְלְט "אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ עוֹבֵר אוֹיף אַ אִיסוּר חֵלֶב?" בִּיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן אָרְט, אוּן זִיךְ בַּאשְׁוָואוִירְן, אַז עֶר גֵייט אֵייבִּיג רֵייכֶערְן דִי לוּלְקֶע בַּיי דִי חֵלֶב לִיכְט! דֶעמָאלְס אִיז דִי מַחֲשָׁבָה אַוֶועק, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט כְּדֵי צוּ גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער בַּעַל דָּבָר קוּמְט אוֹיף יֶעדְן אִיד בְּשָׁעַת עֶר גֵייט דַאוֶוענֶען, אוּן ווִיל אִים שְׁטֶערְן זַיין תְּפִלָּה, מִיט אַלֶע סָארְט פְרֶעמְדֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַמָאל קוּמְט עֶר אוֹיךְ מִיט אַ פְרוּמְקֵייט אַז אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג, אָדֶער נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין אַן עֲבֵירָה א.ד.ג.... עֶר ווִיל אִים נָאר מוֹנֵעַ זַיין פוּן צוּ דַאוֶוענֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן קֶעגְן אִים, זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען... (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תקנב)

## אַ מַחֲשָׁבָה פוּן גֵאוּת

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעדַאוְונְט אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין הֵיילִיגֶע חֶבְרַיָּה, זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוְונְט בְּכֹחַ, מִיט זֵייעֶר גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אַזוֹי ווִי זֵייעֶר שְׁטֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען, צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַ בְּרֶען. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן זֵיי בַּאמֶערְקְט אַז זֵייעֶר רֶבִּי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט צוּפְרִידְן, זַיין פָּנִים אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל בֵּייז, שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט:



"אִין דִי צַייט וָואס אַייךְ הָאבְּן גֶעדַאוְונְט אַזוֹי שֵׁיין, הָאט דֶער בַּעַל דָּבָר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אַייךְ מַחֲשָׁבוֹת פוּן גַאֲוָה, אַז עֶנְק זֶענֶען מִתְפַּלֵּל מִיט אַ דְבֵיקוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶס אִיז נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אִין הִימְל אַ גְרוֹיסֶער קִטְרוּג אוֹיף עֶנְק וֶועגְן דֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ מִיר אַסַאךְ גֶעפְּלָאגְט דָאס צוּ מַמְתִּיק זַיין."

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט כְּדֵי צוּ אוֹיפְקְלֶערְן וִויפִיל מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער נִצַּל צוּ וֶוערְן פוּן גֵאוּת.

# קִנְאָה בְּרֶענְגְט צוּ שָׁאדְן

המשך פון זייט 12

ה׳, אָבֶער וֶוען עֶר שִׁיקְט בְּלִיקְן נָאכְצוּקוּקְן וָואס סְ׳טוּט זִיךְ בַּיי זַיין חַבֶר מִיט גְרוֹיס קִנְאָה, אַנְשְׁטָאט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זַיין עֲבוֹדָה, דָארְט לִיגְט בַּאהַאלְטְן דֶער טִיפֶער גְרוּבּ וָואס עֶר קֶען אִין אִים אַרַיינְפַאלְן, דֶערְלֵייגְן, אוּן אִינְגַאנְצְן גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן.

מִיר קֶענֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין דוּרְךְ דִי פַּאסִירוּנְג מִיט שִׁמְעוֹן פוּן כִּתָּה ז׳. זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען צוּ גֵיין נָאכְן חֵדֶר צוּ אַ בֵּית מִדְרָשׁ נָאנְט צוּ זַיין שְׁטוּבּ, עֶפֶענֶען אַ גְרוֹיסֶע גְמָרָא, אוּן חֲזֶרְ׳ן דִי לִמּוּדִים פוּן כִּתָּה מִיט גְרוֹיס הֲנָאָה.

עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן ׳תָּנוּ רַבָּנָן׳, עֶר הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען ׳הַהוּא גַּבְרָא׳, עֶר הָאט פַארְעֶנְדִיגְט בַּיי דִי ׳מִשְׁנָה׳, עֶר הָאט מְעַיֵּן גֶעוֶוען אִין רַשִּׁ״י, אוּן בַּאלְד דֶערְנָאךְ הָאט עֶר בִּזְרִיזוּת אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶרְ׳ט נָאכְאַמָאל אוֹיף אַלֶעס, מִיט מֶער אַ קְלָארֶע פַארְשְׁטַאנְד. אַה, וִוי גֶעשְׁמַאק עֶס אִיז צוּ לֶערְנֶען, וָואסְפַארַא תַּעֲנוּג אִיז אִיבֶּערְצוּ׳חַזֶרְ׳ן אוּן פַארְשְׁטֵיין. פוּן מָאל צוּ מָאל אִיז אִים אַרוֹיפְגֶעשְׁוִוימֶען שֵׁיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן קְלֵיינֶע חִדּוּשִׁים, אוּן גְלַייךְ הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ פֶעדֶער אוּן בְּלַאט אוּן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פַאר זִיךְ וָואס סְ׳אִיז אִים נִתְחַדֵּשׁ גֶעוָוארְן. צוּמָארְגְנְס פְלֶעגְט עֶר צוּגֵיין צוּ זַיין רֶבִּי, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט זַיינֶע שְׁאֵלוֹת, אוּן דֶערְצֵיילְט זַיינֶע חִדּוּשִׁים.

מִיט דֶער צַייט, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן זַיין טַאטֶע, אַ סֵפֶר ׳חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה׳, אִינֶעם סֵפֶר הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן אוּן אָנְפִילְן מְסוּדָרְ׳דִיגֶע בּוֹיגְנְס, פוּן אַלֶעס וָואס הָאט אִים אוֹיפְגֶעבְּלִיצְט בַּיים לֶערְנֶען. עֶר הָאט גֶעפִילְט וִוי עֶר שְׁפַּאצִירְט אִין גַּן עֵדֶן. סְ׳אִיז נִישְׁט דָא קֵיין פַארְגְלַייךְ צוּ זַיין גְלִיקְלִיכְקַייט!

אֵיין טָאג קוּקְט עֶר אַרַיין צְוִוישְׁן דִי זַאכְן פוּן זַיין חַבֶר מֶענְדִי, אוּן עֶר זֶעט אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן בְּעֵרֶךְ דְרַיי פִילֶע סְפָרִים פוּן חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה! דָאס הָאט אִים זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. סְ׳אִיז אִים גֶעוֶוען שְׁוֶוער צוּ זֶען, אַז טְרָאץ דֶעם וָואס עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן מִיט אַ הַתְמָדָה, אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אִיז אִים אִיבֶּערְגֶעשְׁטִיגְן אוּן אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים. וָואס אִיז אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן? וָואס הָאט דֶער חַבֶרְ׳ס חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה אַ קֶשֶׁר מִיט זַיינֶע? וָואס הָאט אֵיינְס מִיטְן צְוֵייטְן צוּטוּן? זַיינֶע חִדּוּשִׁים וָואס עֶר הָאט בִּיז יֶעצְט גֶעשְׁרִיבְּן, בְּלַייבְּן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, אוּן דָאס זַיין אֵייבִּיגֶע פַארְמֶעגְן, אָפְּגֶעזֶען וָואס זַיין חַבֶר הָאט יָא אָדֶער נִישְׁט!

לָאמִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט אוּנְזֶער הַצְלָחָה, אָן קוּקְן אוּן מְקַנֵּא זַיין אַנְדֶערֶע. אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דִי גוּטְס וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַיינְגֶעקוֹיפְט, בְּלַייבְּט אוּנְזֶערְס אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן קֵיינֶער קֶען דָאס נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אוּנְז.

# לעובדא ולמעשה

אַצינד גְרייטן זיך אידן צום הייליגן נאכט פון תּיקון לֵיל שָׁבוּעוֹת. לָאמיר כאפּן אַ בּליק וָואס רֶבּי לֵוִי יִצְחָק בּענדער ז"ל דערצֵיילט ווי אַזוי דעם רֶבּינ'ס תַּלְמִידים הָאבּן אָפּגעראַכטן דעם שָׁבוּעוֹת:

מיר שְׁטֵייעֶן אין די לֶעצְטֶע טֶעג פון סְפִירָה די זִיבּן רֵיינֶע וואכן. אַוַודַאי, די וָואס הָאבּן זוֹכֶה גְעוֶוען זיך צו רֵיינִיגְן אַלֶע ז' נְקִיִּים איז אַוַודַאי גוט, אָבֶער אויך די וֶועלְכֶע הָאבּן זיך נָאר דערמַאנְט אַז עס איז פַארְהַאן אַזֶעלְכֶע וָואכְן איז אויך גוט! מֶען הָאט נָאך צְוֵויי דְרַיי טֶעג און שוין הָאט מֶען אָפְּגעצֵיילְט אַלֶע סְפִירָה טֶעג, ס'איז נָאך גֶעבְּלִיבְּן אַ קְלֵיינִיקַייט, קֶען מֶען נָאך אויך מַאכְן גוט, מֶען קֶען נָאך מַאכְן אין די עֶטְלִיכֶע טֶעג אויך גוט!

הַיינְט איז דער "יוֹם הַמְיֻחָס", דֶער טָאג הַייסְט "יוֹם הַמְיֻחָס" (ב' סִיוָן), וַוייל דֶעם טָאג פַאלְט אוֹיס "יוֹם כִּפּוּר", און מָארְגְן הֵייבְּט זיך אָן שְׁלֹשֶׁת יְמֵי הַגְבָּלָה, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל אָפְּהִיטְן די דְרַיי טֶעג!

עס איז גְעוֶוען אַמָאל אַ שָׁבוּעוֹת בַּיים רֶבִּי'ן, די עֶרְשְׁטֶע נַאכְט איז מֶען גְעוֶוען אויף, און מֶען פְּלֶעגְט אויפְזַיין די צְווֵייטֶע נַאכְט אויך, אַסַאך מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַזוי גְעטוּן, די צְוֵוייטֶע נַאכְט אויך, און בַּייטָאג פְּלֶעגְט מֶען זיך צוּלֵייגְן.

און די דְרִיטֶע נַאכְט איז גְעוֶוען דָאס גְעזֶעגְענֶען זיך בַּיים רֶבִּי'ן. רֶבִּי נָתָן און רֶבִּי נַפְתָּלִי זֶענֶען אויפְגֶעוֶוען די דְרַיי נֶעכְט. די דְרִיטֶע נַאכְט דָאס איז גֶעוֶוען מוֹצָאֵי שָׁבוּעוֹת - די דְרִיטֶע נַאכְט זֶענֶען זֵיי אויך אויפְגֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע נַאכְט!

און פַארְטָאגְס אַז דֶער רֶבִּי הָאט זיך גֶעגֶעבְן אַ שְׁפַּאר צו אַבִּיסְל, זֶענֶען זֵיי גֶעגֶעבְן אַ פַאל אַרָאפּ אויף דער עֶרְד פַאר מִידֶעקַייט, און גֶעבְּלִיבְּן דְרִימְלֶען אויף דֶער עֶרְד, אַ כַאפּ גֶעגֶעבְן אַבִּיסְל אַ דְרִימְל, הָאט דֶער רֶבִּי זיך גֶעגֶעבְן אַ כַאפּ אויף "וָואס פַארְשְׁלָאפְט איר אַייעֶרֶע יָארְן - טֶעג"?! שוין, אין מִינוּטְן! אַז די תַּלְמִידִים הָאבְן גֶעהֶערְט דָאס וָוארְט איז מֶען שוין גֶעוָוארְן וַואכֶעדִיג!

אין די תּוֹרָה "פָּתַח רֶבִּי שִׁמְעוֹן" (תו' ס') זָאגְט דער רֶבִּי "וְזֶה בְּחִינַת שׁוֹפָר - עוּרוּ יְשֵׁנִים מִתַּרְדֵּמַתְכֶם", הָאט דֶעמָאלְטְס דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַזוי: "וֶועקְט זיך אויף פון אֵייעֶר שְׁלָאף"!

הָאט ר' אַבְרָהָם בַּר רֶבִּי נַחְמָן דֶערְצֵיילְט, אַז מֶען הָאט זיך אַזוי צוּאוֵויינְט זיך, אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן זיך אַזוי צוּאוֵויינְט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמוּזְט אִיבֶּערְהַאקְן דָאס זָאגְן די תּוֹרָה עֶטְלִיכֶע מִינוּט בִּיז מֶען הָאט אויפְגֶעהֶערְט צו וֵויינֶען, "וֶועקְט זיך אויף פון אֵייעֶר שְׁלָאף"!

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס מִיר לֶערְנֶען אַרוֹיס פון דֶעם איז אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי וָואס קֶען אוּנְז אויפְוֶועקְן פון שְׁלָאף, יֶעדֶעס מָאל וָואס מִיר גֶעדֶענְקֶען פון אַזַא רֶבִּי וֶוערְן מִיר אויפְגֶעוֶועקְט און דֶערְנֶענְטֶערְט צום תַּכְלִית, פַארְשְׁטֵייט זיך אַז מִיר דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער לוֹיט אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת וָואס מִיר פַארְמָאגְן, און יֶעדֶעס בִּיסְל הִתְקָרְבוּת צום דֶעם צַדִּיק בְּרֶענְגְט אוּנְז אַ הִתְחַדְּשׁוּת אַזוי ווי דֶער הַיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט זיך אין מִיר איז מֶען כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד"!. אַז מֶען דֶערְמַאנְט זיך אין הַיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוערְט מֶען אַ נַייעֶ גֶעבּוֹירְן קִינְד.

# מעשה ב' - דער מלך און דער קייסער #2

וַיְהִי הַיּוֹם און עֶס אִיז גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶער סוֹחֵר זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסֶער סוֹחֵר עֶר הָאט גִיהַאט מַשָּׂא וּמַתָּן אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, און עֶר הָאט גִיהַאט אֵיין בֵּן יָחִיד. דֶער סוֹחֵר אִיז שׁוֹין גִיוֶוען אַלְט.

אַמָאל הָאט גִיזָאגְט דֶער זוּן צוּם פָּאטֶער בַּאֲשֶׁר דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַלְט. און אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג און דַיינֶע נֶאֱמָנִים גֶעבִּין אוֹיף מִיר גָאר קֵיין הַשְׁגָּחָה נִיט. וָואס וֶועט זַיין דוּ וֶועסְט שְׁטַארְבִּין און אִיךְ וֶועל בְּלַייבְן אַלֵיין וֶועל אִיךְ גָאר נִיט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן.

בְּכֵן גִיבּ מִיר אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה וֶועל אִיךְ גֵיין אוֹיף דֶעם יַם כְּדֵי אִיךְ זָאל גִינִיט וֶוערִין אִין מַשָּׂא וּמַתָּן. הָאט אִים דֶער פָּאטֶער גִיגֶעבִּין אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה. און עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אִין מְדִינוֹת און הָאט פַאר קוֹיפְט דִי סְחוֹרָה און הָאט גִיקוֹיפְט אַנְדֶערֶע סְחוֹרָה און הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גִיוֶוען. דֶער וַוייל ווִי עֶר אִיז גִיוֶוען אוֹיף דֶעם יַם הָאט עֶר דֶער זֶעהן דִי בֵּיימֶער וָואס דִי בַּת קֵיסָר אִיז דָארְט גִיזֶעסְן. הָאבְּן זֵיי גִימֵיינְט דָאס אִיז אֵיין יִשּׁוּב.

הָאבִּין זֵיי גִיוָואלְט אַהִין צוּ גֵיין. ווִי זֵיי זֶענֶען נָאהנְט גִיקוּמֶען הָאבֶּען זֵיי דֶער זֶעהְן אַז דָאס אִיז בֵּיימֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִיוָואלְט אוּם קֶערִין.

דֶער וַוייל הָאט דֶער בֶּן הַסּוֹחֵר אֵיין קוּק גִיטָאן אִין יַם אַרַיין הָאט עֶר דָארְט גִיזֶעהן אֵיין בּוֹים און אוֹיבִין זִיצְט אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ הָאט עֶר זִיךְ גִיטְרַאכְט טָאמֶער אִיז עֶר זִיךְ טוֹעֶה.

הָאט עֶר גִיזָאגְט דִי אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט גִיוֶוען. הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גִיטָאן הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיזֶעהְן ווִי אֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶעם בּוֹים.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען זֵיי וֶועלְן זִיךְ אַהִין צוּ שְׁפַּיירִין, הָאבִּין זֵיי גִישִׁיקְט אֵיינֶעם מִיט אַ קְלֵיין שִׁיפְל און זֵי הָאבֶּען גִיקוּקְט אִין יַם אַרַיין כְּדֵי מֶען זָאל דֶעם שְׁלִיחַ ווַייזִין עֶר זָאל קֶענֶען טְרֶעפִין צוּם בּוֹים אִיז דֶער שְׁלִיחַ אַהִין גִיגַאנְגֶען הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז דָארְט זִיצְט אֵיין מֶענְטְשׁ הָאט עֶר זֵיי גִיזָאגְט.

אִיז עֶר אַלֵיין אַהִין גִיגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ דֶער בֶּן הַסּוֹחֵר) הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי זִיצְט דָארְט (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסָר כַּנַּ"ל) הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט אַז זִי זָאל אַרָאפּ גֵיין.

הָאט זִיא אִים גִיזָאגְט אַז זִי ווִיל נִיט אַרַיין גֵיין אִין דֶער שִׁיף בִּיז עֶר זָאל אִיר צוּ זָאגִין אַז עֶר זָאל זִי נִיט אָן רִירִין בִּיז עֶר וֶועט קוּמֶען אַהֵים און וֶועט מִיט אִיר חֲתוּנָה הָאבִּין כְּדַת הָאט עֶר אִיר צוּ גִיזָאגְט אִיז זִיא צוּ אִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶער שִׁיף. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז זִי קֶען שְׁפִּילִין

אוּף כְּלֵי זֶמֶר אוּן קֶען רֶעדִין כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת. הָאט עֶר זִיךְ גִיפְרֵייט וָואס זִיא הָאט זִיךְ אִים מִזְדַמֵן גִיוֶוען.

נָאךְ דֶעם אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אָן גְהוֹיבְּן גָאנְט צוּ קוּמֶען צוּ זַיין שְׁטוּב הָאט זִי צוּ אִים גִיזָאגְט דֶער יוֹשֶׁר אִיז אַז עֶר זָאל גֵיין אַהֵיים אוּן זָאל מוֹדִיעַ זַיין, זַיין פָּאטֶער אוּן זַיינֶע קְרוֹבִים אוּן גוּטֶע פְרַיינְד בַּאֲשֶׁר עֶר פִירְט אַזוֹ אֵיין אִשָּׁה חֲשׁוּבָה זָאלִין זֵיי אַלֶע אִיר גֵיין אַקֶעגִין אוּן דֶער נָאךְ וֶועט עֶר וִויסְן וֶוער זִיא אִיז (וָוארִין פְרִיר הָאט זִיא אוֹיךְ מִיט אִים אַ תְּנַאי אוֹיס גִינוּמֶען אַז עֶר זָאל זִיא נִיט פְרֶעגִין וֶוער זִי אִיז בִּיז נָאךְ דֶער חֲתוּנָה דֶעמוּלְט וֶועט עֶר וִויסִין וֶוער זִיא אִיז)

הָאט עֶר דְרוֹף מַסְכִּים גִיוֶוען וִוידֶער הָאט זִיא אִים גִיזָאגְט דֶער יוֹשֶׁר אִיז אוֹיךְ אַז דוּ זָאלְסְט אָן שִׁיכֶּרִין אַלֶע מַאטְרָאסְן וָואס פִירִין דִי שִׁיף לָאזִין זֵיי וִויסְן אַז זֵייעֶר סוֹחֵר הָאט חֲתוּנָה מִיט אַזוֹי אֵיין אִשָּׁה הָאט עֶר זִי גִיפָּאלְגְט.

אוּן הָאט גִינוּמֶען זֵייעֶר גוּטְן וַויין. וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶער שִׁיף אוּן הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין, זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר שִׁיכּוֹר גִיוָוארִין אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אַהֵיים עֶר זָאל מוֹדִיעַ זַיין דֶעם פָּאטֶער מִיט דִי פְרַיינְד. אוּן דִי מַאטְרָאסִין הָאבִּין זִיךְ פַאר שִׁיכֶּרְט אוּן זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דֶער שִׁיף אוּן זֶענֶען אַנִידֶער גִיפַאלִין שִׁיכֶּר.

דֶער וַוייל וִוי זֵיי הָאבִּין זִיךְ אָן גִיגְרֵייט צוּ גֵיין אִיר אַקֶעגִין מִיט דֶער גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה דֶער וַוייל אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אָפּ גִיבּוּנְדְן דִי שִׁיף פוּן דֶעם בָּארְטִין אוּן הָאט צוּ לָאזְט דִי לַאוִוינְטְן אוּן אִיז אַוֶועק מִיט דֶער שִׁיף אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער שִׁיף אוּן הָאבְּן קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען.

אִיז דֶער סוֹחֵר זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִוֶוען אוֹף דֶעם זוּן. אוּן דֶער זוּן שְׁרַייט גְלֵייבְּט מִיר אִיךְ הָאבּ גִיבְּרַאכְט אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה וְכוּ׳ כַּנַ״ל. אוּן זֵיי זֶעהְן גָאר נִיט. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט פְרֶעג דִיר דִי מַאטְרָאסִין אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען זֵיי פְרֶעגִין אוּן זֵיי לִיגִין שִׁיכּוֹר. נָאךְ דֶעם זֶענֶען זֵיי אוֹיף גִישְׁטַאנֶען דִי מַאטְרָאסְן.

הָאט מֶען זֵיי גִיפְרֶעגְט אוּן זֵיי וֵוייסִין גָאר נִיט וָואס מִיט זֵיי הָאט זִיךְ גִיטָאן נָאר זֵיי וֵוייסְן אַז מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט אַ שִׁיף מִיט דֶעם אַלִימֶען אוּן וֵוייסְן נִיט וִוי זִי אִיז. אִיז דֶער סוֹחֵר זֵייעֶר בּרוֹגֶז גִיוָוארְן אוֹיף זַיין זוּן אוּן הָאט אִים פַאר טְרִיבְּן פוּן זַיין שְׁטוּבּ אַז עֶר זָאל אוֹיף זַיינֶע אוֹיגִין נִיט קוּמֶען. אִיז דֶער זוּן אַוֶועק נַע וְנַד. אוּן זִי (דְהַיינוּ דִי בַּת קֵיסָר) אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם.

אָהָ! אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי תּוֹרָה הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אָבֶער דִי אוֹיפְן פוּן קִיוּם הַתּוֹרָה הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן!!
"ווָאוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין דִי תּוֹרָה, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ זִיסְקֵייט אִין דִי תּוֹרָה, דֶער עִיקָר אִיז צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי נְעִימוֹת וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה" (סוֹף תּוֹרָה ע"א ח"ב).

# קעסטל רעטעניש

שבועות ביינאכט זאגן מיר דעם תיקון ליל שבועות – וואס דער אר"י הקדוש האט צאם געשטעלט פון אלע חלקי התורה

אין דעם קעסטל איז צושפרייט אסאך נעמען פון די הייליגע תורה – מ'קען עס טרעפן - גלייך - אראפ - קרום

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | מ | ב | ר | י | י | ת | א | ג | א | ו | נ | י | מ |
| ס | פ | ר | ה | מ | י | ד | ו | ת | א | ת | ה | נ | ו |
| י | ת | נ | א | ג | ד | ה | מ | ג | י | ל | ו | ת | ל |
| פ | ש | ל | ח | נ | ע | ר | ו | כ | ל | י | כ | ל | ק |
| ו | כ | ס | ף | ו | ר | א | ש | ו | נ | י | מ | ז | ו |
| ר | ו | י | ק | ר | א | ל | ג | ה | ב | ו | א | ב | ט |
| י | ב | מ | ד | ב | ר | ק | מ | ש | נ | י | ו | ת | י |
| מ | ק | ב | ל | ה | ת | ו | ר | ה | נ | י | מ | ו | ת |
| ע | ד | ר | ק | ט | ו | ט | א | ח | ו | מ | ש | ס | פ |
| ש | ב | א | ו | ח | ס | י | ד | ו | ת | א | ב | פ | י |
| י | ר | ש | ט | ז | ו | מ | ת | ו | מ | ח | ר | ת | ל |
| ו | י | י | י | ג | ו | ו | ל | י | מ | ר | ו | א | ו |
| ת | מ | ת | ה | ת | ש | ה | ב | ע | ו | ו | ל | מ | ת |
| א | ב | ב | ל | י | י | ר | ר | נ | י | נ | ס | ד | ה |
| ר | א | ל | כ | א | ב | נ | ב | י | א | י | מ | ר | ל |
| מ | י | ר | ו | ש | ל | מ | י | ק | ו | מ | מ | ת | י |
| ו | ר | ה | ת | ש | מ | ו | ת | ת | ק | ו | נ | י | מ |

טרעף די ווערטער

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| בראשית | תורה | ברייתא | אגדה | גאונים | לקוטי מוהר"ן |
| שמות | חומש | תוספתא | זוהר | ראשונים | ספר המידות |
| ויקרא | נביאים | גמרא | תקונים | שלחן ערוך | ספורי מעשיות |
| במדבר | תהילים | בבלי | קבלה | אחרונים | לקוטי הלכות |
| דברים | מגילות | ירושלמי | מדרש | חסידות | לקוטי תפילות |
| | משניות | | | מוסר | |

פון אלע איבעריגע אותיות וואס איז דיר ארויס געקומען?

______________________________________________

וואו שטייט דאס? __________ און ווער האט דאס געזאגט פאר וועמען? ______________

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## מעשה ב' פון דער מלך און דער קיסר (2)

**א. וואס האט דער אלטער סוחר געגעבן פאר זיין זון?**
- ❑ געלד, געגוג פאר זיין גאנצע לעבן
- ❑ א שיף מיט סחורה
- ❑ אסאך בנינים

**ב. וואס האט דער סוחר געבעטן פון די בת קיסר וואס איז געווען אויפ'ן בוים?**
- ❑ אז זי זאל אראפ גיין
- ❑ אז זי זאל בלייבן אויבן
- ❑ אז זי זאל אים ווייזן די וועג

**ג. וואס האט די בת קיסר געטון ווען דער סוחר איז געגאנגען צו זיין טאטע?**
- ❑ זי האט געגעבן פון די ווין פאר די מאטראסן
- ❑ זי האט אויפגעבינדן די שיף פון דעם בארטן
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס האט דער סוחר געטון פאר זיין זון ווען ער האט געזען אז די שיף איז נישט דא?**
- ❑ ער האט אים געגעבן א אנדערע שיף
- ❑ ער האט געשריגן אויף אים
- ❑ ער האט אים פארטריבן פון זיין שטוב

**ה. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

אין די מעשה וואס מיר האבן געלערנט די וואך – וויפיל מאל ווערט דערמאנט א"שיף"

מיט וועלכע סחורה איז די בת קיסר אוועק מיטן שיף, מיט די סחורה וואס דער פאטער האט געגעבן פארן זון אדער מיט אנדערע סחורה ?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

וועלכע מעשה האט מען געליינט פאר רבי נתן פאר זיין הסתלקות (על"ת מכתב ההסתלקות) ? די ערשטע מעשה פון אבידת בת מלך און די צווייטע מעשה פון דער מלך און דער קיסר

געווינער אויף די בחינות פון דער מלך און דער קייסער וועט פארקומען קומענדיגע וואך בעז"ה

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# קִנְאָה בְּרֶענְגְט צוּ שָׁאדְן

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה ווִי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז דִי גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם סוֹחֵר אִיז גֶעוֶוען בְּרֵייט בַּאקַאנְט. פוּן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פְלֶעגְט מֶען הַאנְדְלֶען מִיט אִים! וֶוען דֶער זוּן הָאט גֶעזֶען זַיין טַאטְנ׳ס הַצְלָחָה הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעוָואלְט זַיין ווִי זַיין פָּאטֶער. נֶעמְלִיךְ, מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, פָּארְאוֹיס גֵיין, אוּן ווִיסְן אַז עֶר גֵייט אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג צוּ וואוּ עֶר שְׁטְרֶעבְּט אָנְצוּקוּמֶען.

וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטְן: "טַייעֶרֶער פָּאטֶער, כְּדֵי אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין צוּ מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִיאַזוֹי אָנְצוּפִירְן דִי הַאנְדְל אוֹיךְ נָאךְ דַיין פְּטִירָה, בֶּעט אִיךְ דִיר, זָאלְסְט מִיר גֶעבְּן אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה, אוּן אִיךְ וֶועל אַרוֹיסְפָארְן אִיבֶּערְן יַם זִיךְ צוּ בַּאקֶענֶען מִיט דִי הַאנְדְלֶעַרַיי".

זַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעשָׁאנְקֶען אַ שִׁיף מִיט סְחוֹרָה, עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט אוּן פַארְקוֹיפְט, עֶר הָאט אָנְגֶעפִירְט דִי בִּיזְנֶעס ווִי סְ׳דַארְף צוּ זַיין, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.




אָבֶּער מִיט דִי צַייט הָאט דֶער זוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְגְרַייזְן אוּן זִיךְ פַארְדְרֵייעֶן, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אוּן דֶערְלֵייגְט גְרוֹיסֶע פַארְלוּסְטְן. אוּן ווִי הָאט זִיךְ דָאס אַלֶעס אָנְגֶעהוֹיבְּן?

וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין יַם, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַ בּוֹים וָואס אוֹיף דֶעם אִיז דָא אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר אִיז אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן דָארְט הָאט עֶר אַלֶעס דֶערְלֵייגְט דוּרְךְ דֶעם קֵיסָרְ׳ס טָאכְטֶער. זַיין הַצְלָחָה וָואלְט גֶעקֶענְט פָארְזֶעצְן, שְׁטֵייגְן אוּן בְּלִיעֶן, וֶוען עֶר וָואלְט נָאר נִישְׁט גֶעקוּקְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן זַיין גְרֶענִיץ. אָבֶּער אֲפִילוּ אַזוֹי, דִי אַלֶע סְחוֹרוֹת וָואס עֶר אָנְגֶעיָאגְט זִיךְ צוּ אַיינְהַאנְדְלֶען אוּן מְ׳הָאט זֵיי צוּגֶענוּמֶען פוּן אִים, הָאבְּן זִיךְ צוּם סוֹף צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּ אִים בִּשְׁעַת דִי חֲתוּנָה.

מִיר זֶען פוּן דֶעם, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט זַיין פְּלָאג אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן אִין עֲבוֹדַת

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מרדכי יגלניק הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר נתן הורוויץ הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

המשך אויף זייט 6